*   *
*

קומט ניט, איר קלאָרע הלומות פון יוגנד
ביי מיר אין נשמה איז ניטא איצט קיין זאפט
אַ מדבר אויסמיער איז איצט מיין נשמה
וואו ס'וועלדעוועז ווינטן מיט גרוזאמער קראפט!
און זעהט איר אריינטליבן אבשיין פון אייבן—
דאס שפילט ניט דער מארגן אין פארבן אים
דאס ברענט מיין נשמה, דאס פלאקערט איר ווייטאג
דאס געהט אויס אין יאוש איר צאנקענדער פלאם.
און הערט איר דארט טענער, דאס זינגט ניט די שאפינג
דאס שטורעמט פון וועלטליכע ווייען אקרעבץ
דאס קראכן די וועלטן וואס ווערן צושמעטערט
אוןווילדן כאַאָס פון דער אייביגער שלעבטס
עס פאלט ניט קיין טוי אף מיין וויסטער נשמה
פאר וועלקט ווערט דער ווארצל פון יעטווידער בלום
ניט קומט צו מיר ליכטיגע טרוימען פון יוגענד
איצט ברזין נור בלוט און פארוויסטונג ארום!

1916

שטאָט
(פּאָעמא)

א.

ווי שיימענדע כוועלן אויף בערג און אויף טאָלן
מיט בלאַנקענדע שפּיצן אַל-פאַרביג געמאָלן,
מיט קופּלען פאַרשיטע מיט מוזענדער דעכער
און איינער וואָס רייט אויפן צווייטן אַלץ העכער
און איינער וואָס הייגט אויפן אַקסל דעם צווייטן—
ווי כוועלן פון ים אויף אשמח אבדייטן
האָט ווייט-ווייט פאַרשפּרייט זיך די שטאָט.

אין בריקן געפלאָכטענע הייגען און ליפטן
און בליהענדע סעדער פאַרשפּרייטן ווס-דופטן
און באַנען שנעל יאָגן אויף דעכער און זוילן
דורך נעצן פון דראָטן געוועבטע און צוילן
דורך הוילן וואָס גראָבן זיך טיף הורך די גאַסן
און וועגן וואָס לייכטן לבנה'יג געלאָסן
פאַרשפּרייט האָבן שיינען אויב.

אין פיבעריג האָט דער עלעקטרי געשטויסן
געשטראַמט אין די ווינקלאָך אין הערשענד געהייסן
פון קעלערס די טיפסטע, ביז שטאָלץ הייבן טורעם

באוועגט און באלויכטן געשאפן מיט שטורם
דורך אייזערנע נערוון און מוסקלען פון שטיינער
געהאלטן די שטאט ווי מיט שטאלענע ציינער
און האסטיג געשטראמט אין איר בלוט!

שנייט דער זעפיר-לופט אעראמאשינען
און זזין פון ווייטן ווי שאפענדע בינען
און אונטן דאס ברומען פון אויטאמאבילן
צוזאמען מיט עפעס א זינגן א שטילן
פון איינעם וואס בעטלט אברעקל צום עסן
פארצאנקענדע קינדער וואס גאט האט פארגעסן—
שליינגלען זיך ווייט אין דער גאס.

שלאגט און זיין אימפעט דאס שטאטישע לעבן,
ברייזט אונבאוואוסט און אונזיניג דאס שטרעבן,
און קלאפן פון רעדער און קלינגען פון גלעקער
און שטורעמדן אויף פון פאבריק-פייף דעם וועקער
און הילענדען ליפן און שטורעמדען טראגן
פון מענשן, מאשינען פון פערד און פון וואגן.
ווי קוואלן וואס שטראמען פון טיפסטע אבגרינדן
מיט רויגע קרעפטן און ווילן געווונטן
און איביגן וועלטליך באגער!

האט זי די שטאט אין איר תאוה געשטירעמט.
שאפט זי געשטאלטן פון לידענשאפט, פירעמט
די נאקעטע זינד און איר העסליכן צויבער
עם טרויים פון דעם שטירעם: די גוטסקייט פון רויבער

אין ליבע מיט חיה'שע בלוטן פארגאבן
מיט זעלן וואס שטרעבן און אייגן פארלאשן
אין מאבטלאזן, קריינקליבן מוט!

פלייצט זי און ווארפט זיך אין טיזוענדער שטראמען
שלאגט זיך דורך גאסן דורך מערק און דורך קראמען,
און זינגט אירע לידער דורך וויינען און לאבן,
דורך טיפסטע יסורים, דורך פריידן וואס וואבן,
און ס'הייגען אין ליפטן די וויאבענדע קלאנגען
ווי טייג אזוי נאבט פון געהיימע פארלאנגען
פון אייביגע בענקשאפט און סוף!

*   *
*

אוועגד באפן אויף זיך פלאמען
און פארגיסן זיך געלאסן—
צי פון פלאקערדיגן הימל
צי פון ים—פלאך פון דעם בלאסן
רייטעלט זיך דער הויך און נידער
איינגעוויקלט אין די פלאמען:
ראזע צערטליבע קאלירן
'ם און הימל-הויך צו זאמען
קומט אריטער זייל פון אייבן,
שטעבט זיך ווי אשפיז אין וואסער,
ענטפערט אויך דער ים מיט זיילן
און אפארבן שטייב אנאסער

פאלט איוף שטאט אראזוער אפשלאג
וואשן זיך אין גאלד די שויבן
צינד זיך אן דער מייער-רוקן
און דער קלויסטער דאך פון אייבן
פאלן פייערדיגע קוויטן.
אף די גאסן, טראטוארן,
און די ים וועלן די רייטע
ציהן ווייטער, רופן, נארן . . .
ווערט געשטילט דאס שטאטיש ברומען
און געלאסענער דאס לויפן
שטאט און ים, און הימל-ברעגן
איינגעשמיט אין פייער רייפן . . .
ווערן מילד און ווייך די בליקן,
קילן זיך די הייסע בלוטן—
געהט אראפ אף שטאט די שכינה,
ווערן הייליג די מינוטן . . .

*   *

*

טרעפט אז פון א וועלט אפרעמדער
קומט געהיים די נאכט שטיל אן
ווערן שטאט און ים פערשווינדן
און איין טינקל בלאען פאן . . .
האלט דער אפגרונד איין זיין אטעם
וועלן שלאפן, ויאל אף וואל—

ערגעץ וואו נאָר ענדלאָז לויפט זיך
פון דעם באָרג דער וואַסער־פאַל
שוימען זיך פאַנאַנדער שטערן
אויף דער אינענדליכער ברייט.
בינדן זיך דער הויך און נידער
אין איין גאָלד־געפלאָכטן קייט
ווערט געהויב צווישן פעלזן.
ציט דער ים די גלידער אויס.
קוקט אַריין אין בערגער שפּאַלטן,
לעקט די בריקן און געוויש
שלאָפט די שטאָט און ים געאָטעמט
שלאָפט די נאַכט אַליין אויך איין,
גנבה'ט זיך אַרויס געלאַסן
די לבנה מיט איר שיין –
זילבערט זי די ברעגעס וואָלקענס
און די האָריזאָנטן בלאַס
גיסט זיך אויס אַבליוער חלום
רוהט ער אויפן ים און שטאָט
ציגרן זיך אין שטאָט די שטערן.
שעמערירן נאַס אַרויס.
לייכטן פון דעם הויכן טורם,
ווינקען שטיל פון הויז צו הויז.
שפּרייטן זיך די סעדער צווייגן,
וועבן שטאָט אין סודות איין
שלאָפט דאָס ברויזיג שטאָטיש לעבן
שלאָפט דער אימפּעט און דער פּיין . . .

באפט זיך אויף אין שטאט די תאוה,
אין זי יאגט אגאנצע נאכט
בליוט זי אוים איר רייצענד צורה
אין איר העסליך דורשטיג פראכט . . .
שישקעט זיך אין די אלייען,
אין זי הוליעט אין שאנטאן;
שטורעמט אויף די הייסע בליטן
אין פארשכור'ט פריי אין מאן . . .
ווערט די אייגן שאנד איר מאוס,
אין די שטילע נאכט—איר באנג.
וויל זי איר מיט ווייז פארגיסן
אין פארטומלען מיט געזאנג . . .
שוועבן רייצענדע געזאנגען
ביז צום ווייטן האריזאנט
לאזט די שטאט דעם טייך ניט שלאפן
אין זיין ליידענשאפט—דערמאנט . . .

ב

נעקוקט האט מיט גאוה די שטאט אין די ווייטן
געהויבן זיך העבער מיט שטאלענע שפיצן
זי וועט נאך די אייזערנע נעגל איינקריצן
אין קומענדע צייטן
אין שיקן אין וועלטן די פלאמענדע צונגן
וועט לעבערן שטיינער אין פעלזן די בייכער

און ווערן אלץ רייכער
ווי האט איינגעשלונגען
פערצערט און איר מאגען
פון ימים די לוסטען
פון וואלקענס די ברוסטען
עס זאל אלין מער שלאגען
מיט אימפעט איר פולס.
ציהט זי די כחות פון מאסן, מיליאנען
ליגן פארחלשט די דערפער און צאנקען
מיט ברוסטען פארצערטע
און הענט אויסגעדארטע
שטיל בעטן זיי, מאנען
ביי קופלען וואס בלאנקען
מיט גאוה און הויכקייט
און ווייזן די בלייכקייט
און ווייזן דעם דלות—
פערשלונגען האט אלעס
די שטאט שוין פון זיי!
נעמט זי זיך צירן און טויזענדער פארבן
באדעקט זי די פיסטקייט מיט גאלדענע פליטעס
מיט דימענטן שמיט זי דעם פערד די קאפיטעס
און פארבט אויס די איגן איר גייסטלאזן שארבן
זוכט זי פערשווענדן
און טייזענדער ווינדן
אף לעבלאזע גאסן

די מיהע פון מאכן
אין קרייַנקליכע ליכטן
פון שטאַרבענדע בריכטן
מיט קינסטליכן אימפעט
באשאַפט זי קאָנוואולכן
די גיכטע פילכן
וואָס יוערן אין קימפעט
געבאָרן שוין טויט!
וואַרפט זי די קוייטן אַף שיפער און בייעד
מיט גופים און זעלן, זיי זאָלן איר פלאַנצן
נאָך ליבטיגער זאָלן די פוסטקייטן גלאַנצן
און וואַקסן אין הויבן זיך מייער נאָם מייער
און גאַסן נאָך גאַסן
און בריקן נאָך בריקן
עס מאָגן זיך טייזענדער מאַסן
דערשטיקן
דערוועוגן אין נייטן—
מיט קברים פאַרזייטן
דעם באָדן פון שטאָט!
וואַקסן שוין דור'ת אָן לופט און אָן זוניען
אין אָן האָריזאָנטן
מיט מאַרך אונגעזונטן
פערקריפלט, געטומטע
מיט גיפט לופט פאַרסמטע
און בלוטן צופילטע —
די קוואַלן די אַלטע

פון לעבענס-זאפט פרישע
שוין לאנג אויסגערוהטע
געבליבן א מ׳איטע
געשטאלט נור פון מענשן
וואס וויל זיי באגרענצן
אלין מערער די שטאט!
ליפט זי פון לעבן און קראנקע דמיונית
רופט זי זיי קינסטליך ארויס די געשטאלטן
פון תאוה׳ס וואס רייצן
און ליגן באהאלטן
אין מארחן וואס פוילן
אין קראנקע גאוניות
אין בלוטן וואס פלייצן
פארסמ׳טע פערשמוצטע
און זוכט זיי די גרוילן
וואס הע̈סליך און פרעכטיג
אין שאנד און פארפוצטע
און שטורעמדע זינדן
וואס זיינען אנמעכטיג
צו וועקן דאס לוסט!
נארט איר דער טויט מיט זיין אייביקן שוויגן
זוכט זי דעם שטארבן אף טייזענדער וועגן
אין גאוה׳ס וואס לייגן
אין זינלאזע דרייסטקייט
און זוכט די געפארן
און שמייסט צו באוועגן

די סאָקן וואָס דאַרן
די רעשטן פון היַיסקייט
אין לעצטע מינוטן
צו טרייַבן די בלוטן
אַליַין שוין צום טויט!
רופט זי דעם טויט ער זאָל העלפן איר שטערן
די קרעפּטן באַדריקן
וואָס שפּאַרן און שיקן
פון אָבגרונד פון לעבן אַלץ נייַע באַגערן
וואַרפט זיך דער טויט אין די גריבער און שפּאַלטן
אין טויזענד געשטאַלטן:
אין פלאַמענדן פולווער
און צאַנקענדן הונגער
און קומט יוער און וויל ווער
זיַין דרייַסטער, זיַין אינגער
באַלד דריקן די סטאָלענע ריזן זיַין אָטעם
די שטאָט זי פאַרבאָט עם
צו שטערן איר רוה!

ג.

זאָגט מיר הימלען, וואָרום ליגט זי
טויט און פוסט די שטאָט
ווער האָט עם דערשטיקט איר אָטעם
וועלכער וויסטער גאָט? . . .

וועהט די קוימענס פון פאַבריקן
ווי אַ דאַרער וואַלד
שטעהן אָן אהויך פון לעָבן
פינסטערע און קאַלט.

און מאַשינען אָן באַוועגונג
שווייַגן מאַכטלאָז וויסט
גלידער אייזערנע צופילטע
ליגן שוואַרץ און מיסט. . .

און די גאַסן אויסגעצויגן
ווי אַ לאַנגער מת
קופלען צו דערד געבויגן
הייַנגען אַף אַ׳נם. . .

דעכער האַלבע אויסגעריסן
פענסטער קוקן בלינד,
הוליעט פרייַ און די פּאַלאַצן
יעדער בייזער ווינט. . .

פאַלן צו דערד באַלקאָנען
ווייַלן אויסגעדרייט.
סקולפּטור-געשטער ווילד געמוטשטע
וואַלגערן זיך טויט.

קוקן רעלסן פון די גראָזן
אויסגעבראָכן, קרום
און פון אייבן הייַנגען דראָטן

איִסגעקאָרטשעט, שטום.

טאָרטשען איִסגעדריִטע טריִבן
ווי פאַרדאַרטע הענט
היִנגען שטיקער אין דער לופטן
פון די קרומע ווענט.

פרעפט דער שטאָט אַ וויסטע שוואַרצקייט
אין דער בלינדער נאַכט
שלינגט זי פון זיך זעלבסט די שאָטענס
און קיין שטראַל באַוואַכט . . .

און די סעדער און די בלומען
זעהט פערשיט דער שטויב—
זעהט, די וויסטקייט שלינגט אַלץ מעהרער
זעטיגט ניט איר רויב . . .

* * *

אויך אף טויטע האָט די וויסטקייט
אויסגעבלויזט איר שווערד
וואַלגערן זיך פוילע ביינער
אַף דער נאַסער ערד . . .

קוקן קברים ווי די וואונדן
פון אַקראַנקן גוף,
היילן פינסטערע—ווי ווערים
דרייען זיך אַרוף

שנאָרעט אומעדום דער הונגער
יאָמערט אָן אַ קיל,
גריזען הינט אַ מענשענס ביינדעל
שוין צום צעהנטן מאָל ! . . .

גערוען איז דאַן קראנקליך און בלאַס דער פריהמאָרגן
און מיד אף די פעלדער די פוססע, פאַרשפרייט זיך
אפיגל האָט ערגעץ מיט איינציגע טרעלן
פון שיטערן וועלדל צום מאָרגן געגרייט זיך.

פון ערגעץ אַרום, און פאַרחלש'טן הימל
שטיל האָבן די וואָלקענדלאך שטראַלן געבעטן
און בלאַס ווי זיי וואָלטן פון אונטער די פליגלען
פון מלאך-המות אַנטלאָפן זיך רעטן . . .

איז שטיל איפן הימל, און שטיל אף די פעלדער
געלעגן אַצאַפּלענדע שרעק איסגעגאָסן—
פלוצלונג האָט ערגעץ אַפּלאַם אופגעריסן
און האָט אַזוי פלוצלונג זיך ערגעץ פאַרלאָשן

און שאַרף האָט די לופט ווי אַמעסער געשניטן
אַטרייסלענדער זיז-זיז . . . און האָט זיך צושאָטן
געפּלאַצט האָט אַנאונפּריים און גלייך ווי יין צאָרן
האָט וועט זיך אין קראַפּט מיט דעם דונער פאַרוואָטן.

און רוהיג איז ווידער געוואָרן אין לופטן—

נאר גלײך האָט די שטאָט האַרץ דערפילט אירע װײען,
דאָס איז אַגערוכאַנגעקומען פון דאָרטן
װאו לעבן און שטאַרבן געאַרעמטע גײען . . .

(און פיסט איז געװאָרן די גאַסן, פאַרשטאָרבן
געצױגן זיך לאַנגע און ברײטע אין שטומע
צו לאָפן אין שרעק איז מען ערגעץ אין קעלערס
און גריבער באַהאַלטן זיך נאַסע און קרומע)

און אָט האָט אַדונער געגעבן אַצװײטער
און ערגעץ געענטפערט אַדריטער פון װײטן
עס האָבן זיך פײַנדליכע בהות מיט פלאַמען
אַריבער דער שטאָט-קאָפּ גענומען זיך בײַטן.

און שװער האָט געקרעכצעט די ערד און דער הימל
געשטאַנען און ליפט איז אַיאָמער פון װעלטן
צעהנטװיזענדער שײבן צופלאַצן אף שטיקלאַך
און טורעמס צופאלן װי פאַסטיך געצעלטן

און ס'בלאָנזעט אין גאסן אַאימה אַשטימע
און שפיגעלט זיך קראַנקליך אין מוטלאָזע בליקן—
צו װעט װען די װעלטליכע קללה אַרובער
און שטראַלן פון הימל די זון װעט נאָך שיקן?

דריקט צו פעסט די מוטער דאס קינד צו איר האַרצן
צו װעט איר ניט שלאָגן דער מויט די מינוטן
רײַסט אוים יעדער דינער די האַרץ פון די װאָרצלען
און טײט די נשמה, און כמ'ט אָפּ די בלוטן . . .

און ס׳הערט ניט אויף קראכן דער שטרייט אף די פעלדער
די שטאָט איז געשמיט ווי מיט פלאַמענדע קייטן
עס ליגן שוין פגרים פון פערד און פון מענשען
עס בלאנקט פון דער ווייטענס די בלוטיקע קווייטן . . .

און ס׳טוליען זיך שווייגנד די הייזער און אימה
אַזוי ווי זיי פילן דעם אָטעם פון שטאַרבן
און אייבן צו רייסן זיך אָפטער די פלאַמען
אַקנייל—און צושיט זיך אין גליהענדע גאַרבן . . .

האָט זיך אָנגערוקט אַנאַכט
שוואַרץ מיט שווייגענדיגן וואוטה
ערגעץ שטורעמט נאָך און קראַכט
ניט עס שלאָפט דאָרט ניט עס רוהט,
הילכט אָפּ יעדער קלאַפּ אין שטאָט
שלאָגט זיך אָפּ אן שווערע ווענט
לויערט וואו אַשווארצער גאָט
ערגעץ וואו דער הימל ברענט . . .
פאלן פלאַמען, רויט און בלאַס
קריכן שאָטענס בייזע אום
ברענט קיין ליכמל ניט אין גאַס
שטיל, קיין שטימע, ויסט און שטום . .
בלאָנזען אפן הימל־ראנד
און דער פינסטער שאַרפע ליכט
פאַרכשיפט־רויטע האַנט

מיט די פינגער יערגעץ ויבט . . .

*   *
  *

פּלוצלינג רייסט איזעה געשריי
טראָגט זיך אום פון עק צו עק —
עס ברענט, עס ברענט, די שטאָט, אַ וועה!
שטייט אין לופט אַ רייטער שרעק.

שיטן מענשין זיך אַרויס
פרויען, קינדער נאַקעט בלויז
פאלט מען איינער אַפן צווייטן
ווערט פערלאָרן קינד און פריינד
און דער הימל ווערט אין רייטן
פון דער שטאָט מיט פלאַם באַשיינט.

רייסן פלאַמען זיך פון דעכער
שטייגן רייטע צונגן העכער
און זיי דרייען זיך אין קנוילן
שטעלן זיך אין שוואַרצע זיילן
רויך מיט פלאַמען איינגעמישט
ווערן נאַס און געסלאַך וויסט . . .

קראַכן אין דער הויך באַלקאָנען
און עס ציטערן די ווענט
פאַלן פלאַמען פון קאַנאָנען
אין דער רייטער שטאָט וואָס ברענט!

הילכט מיט שרעק אין בייזער פיין
גאַס אַרויס אין גאַס אַריין
ווערט די שטאָט אַפייער ים
יאָגט די מענשין ווילד דער פלאַם . . .

ווייס מען ניט וואוהין צו לייפן
איינגעשמיט אין פייער רייפן
אין פאַרגעכן גאַס אין שטיב
זוכט מען רעטונג אין אַגריב . . .
כאַפן פרייען פרעמדע קינדער
שלאָגן מיטערס זיך מיט צאַרן
נעמען זיי אַרים די פלאַמען
ווערן זיי אין פלאַם פאַרלאָרן , . .

יעדער עס גרויזאַמער פון שעה
ווערן יונגע פליצלינג גראה—
אין פערדונקלט דער פאַרשטאַנד
לויפט מען ראַטעווען אשטיין
וואַרפט מען זיך אין פייער בראַנד
אין מען ווערט פאַרברענט אליין . . .

* *

*

אין פון הינטן האַט (געשטויסן) געטריבן
גאָר דאַס פאָלק אַבלויזער שווערד
לויפט מען פון דעם פייער קעסל
אַלטע יונגע מענש אין פערד
לויפט מען אין די וועלדער, פעלדער

דאָרטן וואו עס ברויזט דער שטרייט
פינסטער, נור פון ווייטן פאַלן
פאַסן פלאַמען ברייט און ווייט . . .
צאַפּלט נאָך אין לופט דאָס קנאַקן
פון די פאַלענדיגע ווענט
און אַנטקעגן שיסערייען
שיטן זיך אַרום און ענד.
לויפט מען פון איין פלאַם אין צווייטן
הינטן—שרעק און פאַרנט—טויט
ווערן שווער אויף זיך די בגדים.
שליידערט מען דעם לעצטן ברייט
יאָגן אַנעט מענשן-חיות
און באַרויבן יונג און אַלט
וואַרפן קינדער פון די בײדן
שלעפן פרויען טיף אין וואַלד . . .

דורכגעגאַנגען איז די מחנה
און דעם חורבן ווייט פאַרזייט:
שטייט אין מיטן וועג אַוואַגן
מיט די רעדער אויסגעדרייט.
הייגנען פליגלען פון דעם ווינט-מיל
דורך געשאָסן אויסגעפליקט
און אַנאַייזאַם הייזל דאָרטן
מיטן דאַך צום דרערד געדריקט.
ליגן וואו-ניט-וואו צוואָרפן
מענשן-גלידער—שטויב באַדעקט
ליגט אַ היטל און אַ מענשן

און מיט שווארצן מאַרך באַפלעקט. . .
און פערזוימטע קליינע קברים
אָן אַ צייכן שטיל און שטום—
הרעתן קראהען זיך און לופטן
שמעקן וועלף די ליפט ארום. . .
גוססט שטיל אין פעלד אקראנקער
מיט אין שמארן זיין גוף געדרייט
קוקט אוואלף אין זיינע אייגן
הייבט אף אים מיט וויסטן טויט . . .
אין עס שטייט אין ליפט אברומען
ערגעץ קרעכצעם נאר דער וואלד—
אין די קוסטעס איינגעגראבן
יתומים-ביקכן שטייען קאלט . . .

* *

*

און אין שטאט איז ניט פארבליבן
ניט קיין מענש און ניט קיין שטיב
איינער ניר אַהסר-דעה
וואלגערט אום זיך אין אגרוב
קומט די שווארצע נאכט אין שאָטן
לייגט זיך אף דער פוסטער גאס
גייט דער חסר דעה שווייגענד
גראבט אין זיכט אין שווארצן אש . . .
שלעפט ארויס אהאלב פארברענטן
בינט אים אן אשטריק צום האנט

צינט אים דורך די פּוסטע גאסן,
און באגראבט אים בא אַוואנט.
יאגן הענט זיך נאך דעם קרבן
הילכט אין גאס אַהונגער וועה—
שטערט דעם טויט זיין וויסטן שלאָפן
אַמשוגה'נער געשריי! . . ,

האט איין בארג דערציילט דעם צווייטן:
פון דער טויטער שטאט אַרויס
איז ער אָנגעקומען נאקעט
און מיט אייגן ווילד און גרויס.
שווארצע לאקן שאטן-וועלן
הילן איין זיין שטערן ראנד
און די אייגן שארף און בייזע
האבן ווילד געגלאנצט מיט בראנד
און זיין שטימע האט געדונערט
איבער בערגער זיך פערשפּרייט:
„זעט עס שוועבט די וועלט פערניכטונג
„אף די פליגלען פון דעם טויט!
„זעט זי קומט די קריג מיט פלאמען
„און פערניכטעט מענש און גאט
„דורשטיג שפּייזט זי זיך מיט בלוטן
„ס'שטיקט איר אָטעם דאָרף און שטאָט!"

*　　*

*

האט די נאכט געזעהן מיט שרעק
ווי עס האָבן אים געיאגט
רייטער ציווי אף פערד צו היצטע
מיט די פיקעס בלויז פארשפיצטע
בארג ארויף און בארג אראָפּ
און אשטייבינגן געלאָפּ
רינט שיין בלוט פון זיינע וואונדן
און אין שווארצן וואלד פארשוואונדן! . . .

.1917 הארקאוו

אין יענער נאַכט.

אין יענער נאַכט, אין יענער נאַכט
האָבן קליין און גרויס געוואַכט
האָט קיין אייג זיך ניט פאַרמאַכט:—
מאָרגן קומט אין שטאָט די שלאַכט!
מאָרגן קומט די בייזע שלאַכט
ווער שפּאַצירן פריי דער טויט —
וועמען האָט ער אָנגעגרייט
פיר אַ קרבן אין דער נאַכט?
זעגענען זיך טעכטער, זין
זעגענען זיך גוטע פריינד
אפשר שוין דער לעצטער היינט?—
מאָרגן איז דער יום-הדין!
קומט מען זיך צונויף אין שול
אין די אַלטע גראָע ווענט
דריקט מען שווייגענד זיך די הענט—
פרויען, קינדער, מענער פיל.

* *

*

אין דער שול אַראָפּ די טרעפ
קוקן שוואַרץ פאַרטראַכטע ווענט
בעטן שטיל פון עמוד הענט

שלאָגט די האַרץ שטיל־ווייכע קלעפּ.
קוקט פון טיר אַ שוואַרצער פּלעט
שוועבט אַרום דער חורבן פּיין
גיסט זיך שטיל דער מנורה שיין
שפּרייט אַרום מאַרטירער שרעק
שוועבן קדושים אין דער לופט
קוקן פון דעם הימל ראַנד
דורכן שיין פון מורחוואַנט
ציהט אין הימל ווייט, און רופט. . .
צינט מען אָן נשמה ליכט
ברעכט אַרום אַ שווער געוויין
וויינען אַלע גרויס און קליין:
„גאָט פאַרבאָרג ניט דיין געזיכט!
„מוחל זיי די גרויסע זינד
„חסד שפּרייט אַף ים און לאַנד
„האַלט שנעל אָפּ די מערדער האַנט
„שלעכטס צו זיי אַף רייך און ווינט
„גאָט זאָל פּלייצן דיין גענאָד
„נעם אַוועק דיין גרויסן כעס!„
רייסט זיך דער געוויין אין גאַס
לייגט זיך אַף דער גוסס שטאָט!

* *

*

און אַנטקעגן אין דער הייבער
גאָטס געביידע פיר די בילדער

קניען קריכטן אין דער ווייבער
שאָטן לופּט און שוואַרצקייט מילדע־
וינקען קעפּ צום דרערד געבויגן
מיט הכנעה'דיגן בעטן
צו די גוטע בילדער אייגן
אַז ווי ואָלן רעטן, רעטן . . .
„מוטער היילוגע פון ליבע
„רעטע פון די גיהנים פלאַמען
„לייטער די געפיהלן טריבע
„שטעל די בייזע גייסטער צאַמען!
און דער ארגל ווײנט געלאַסן
ציטערן די ווייבע קלאַנגען
שפּרייטן זיך אַף פּוסטע גאַסן
ווערט די שטאָט מיט גייסט באַהאַנגען. . .

ווינען פינדליבע חילות
צו דער שטאָט זיך אופגעקומען
מיט אַ חיה'שער רציחה
און אַבייזן צאָרן־ברומען
האָט זיך איינער אַפן צווייטן
בליגד געשליידערט אָן אַוויסן
בלאַנקן שאַרפע קאַלטע שפּיזן
הילכט אַטעמפער הייסער שיסן
קרשן־אייגן פון די לעבער

קוקן שדישע געזיכטער
ווערט דער מענש אַבלינדער צאָרן
אונבאַוואוסט צום צווייטן קריכט ער
בייסט און רייסט אים מיט די ציינער
גראָבט די נעגל אין זיין האַרצן
קאָרצעט זיך אין שאַרפן ווייטאָג
זוכט אין חלל אין דעם שוואַרצן
נאָך צו ווערגן, נאָך צו שטעכן
קיהלן זיך מיט פרעמדע בלוטן
זופּן מאַרך און בייסן ביינער
אין די לעצטע טויט־מינוטן. . .

האָט אַ מחנה דורך געריבן
און אין שטאָט אַריינגעגאַנגען—
ציהט אַ טויזענד קעפּיג חיה
שווער מיט אייזן דורך באַהאַנגען.
אָטעמט בייז מיט פלאַם און פייער
און זי גרוילט פיר טויזענד מיילן—
טרעט זי האַרט געציילט און זיכער
געהט אין פעסט געשמידטע צייל'ן
ציהן וועגן זיך מיט מענשן
פערד און מענש געשפּאַנט אינאיינעם—
ביידע אָן אַנאייגן ווילן
ווייט געשטויסן וואו פון איינעם. . .

פרוצלונג שיט זי זיך פאַנאַנדער
אַף די הויפן גאַס און געסליך
און מיט צאַרענדיגע איגן
מיט געוויבטער ווילד און העסליך
גיסט זי אוים איר בלינדן כעס
אַף די שטיינער-געטער, בילדער
ברעכט זי טעמפלען ביבליטעקן
שטורעמט ביין און ווערט נאָך ווילדער
רייסט אריין זיך אין די קעלערם
שענדעט טעכטער מיט דער מאַמען
שלאָגט פאַרניכטעט אַלץ אָנאַנאָפּהאַלט
אייזן, שטיין און מענש צוזאַמען
הרגט קראַנקע אַף די בעטן
רייסט פון מויל אַרוים די צינגער
רויבט ביי טויטע דאָס פאַרמעגן
דרייט די רינגען מיט די פינגער. . .
זוכט מען גאָלד און מענשם בייבער
ברענט מען קינדער פיר אַגראָשן
און די שטאָט ליגט אויסגעשטאָרבן
גאַס און גיסלאַך אויסגעלאָשן
רייסט אַיאָמער זיך פון הייזער
טראָגט זיך איבער די קוואַרטאַלן:
„רעטעט פון די מענשן־חיות!“
ענטפערט אָפּ אַ שבור שאַלן. . .
זוכן פקאַמענדיגע איגן

אין דעם שטאָט־רויב דעם פארשוועכטן
פֿאַלן איינער אָפּן צוּוויטן
אין די ווינקלאַך שעכטן, שעכטן. . .

חאַרקאָוו—1917

באפרייאונג.

(פּאָעמא)

א,

דער טרוימער אין מדבר.

וועד בלאנזעט אין איינזאמען מדבר ביי נאכט?
צווישן די שלאפענדע פעלזן, וועד ווארט?
וועד שטערט עס דער וויסטקייט איר טויטליכן שלאָף? —
א פאסטוך א יונגער ער פיטערט זיין שאף!
אַפּאסטיך אַיונגער! — וואס זוכט ער דארט אים?
צי האט ער פארלאָרן די סטאַדע ארום?
צי זוכט ער אין וויסט־לערן מדבר זיין גליק
און אפשר פין שטערן אַ גאָלדענם בליק? —
עס ;לאפט נאך דער מדבר אף בארג און אף טאל —
און פלוצלונג צו טראגט זיך א גרויזאמער קול
אברום האט מיט גדלות געשליידערט דער לייב
און האט זיך אין ליפטן צושאטן ווי שטויב.
האט וויט-וויים אפעלז אים געענטפערט פון טרוים
האט באלד אין א הארץ אויפגעשלאגן א שוים:
„איז איביג דער מדבר פערשאלטן צום טויט? —
ניין! דא וועט די קערנער פון גאט זיין פארזייט!"

*   *

*

עס האט אף די בערג נאך דער וואלקן גערוהט
געוואַרט אפן מאַרגענדען פייער און גלוט
דער הימל פערהילט איז און שוואַרץ בלויען זייד
האַריזאנטן פאַרהיילענע שווייגן דאַרט ווייט —
וואס טרוימט ער דער איינזאמער פאסטוך אליין? —
און ער האט געזעצט זיך פאַרטראַכט אף א שטיין.

א שטערן האט פלוצלונג געגעבן אפאל
ערגעץ־וואו זינגט זיך זיין לידל, דער קוואל
ערגעץ־וואו שלאגט נאך אדופק און וואַכט
ניט אומעטום שפרייט זיך דער מדבר פאַרשוואַכט!
ווייט־ווייט אריבער די פעלזיגע ווענט
דאַרט וואו פריה־מאַרגן, דער הימל־ראַנד ברענט
דאַרטן פאַרשפרייט זיך אבליהענדע לאַנד
עס פרישט דאַרט דער טוי און גיט לעבן דער זאַמד . . .

און ער האט דערמאַנט זיך די זידיגע נעכט
פאַרשיכור׳ט פון וויינען, פון פרויען און קנעכט
פון ברענענדע אַרעמ׳ס און גליהענדע בריסט
פון בלוטן און אדערן,ווילדע וואס פליסט
און מיד איז די אייג פון דעם בלענדענדן גלאַנץ
און שוואַך איז די פיס פון דעם תאוה,דיג טאַנץ
און שווער פאַלט די קאפ צו דעם זונען אופגאַנג—
און דאַרטן די ברידער, זיי בויען שוין לאַנג!

און־דאַרטן די ברידער מיט בלוט און מיט שווייס
שווער בויען מיט לעבענס מיט קליין און מיט גרויס
דאַרט בויט מען די פעסטונג פערשליסט מען די קייט

וואס וועט מער אייפדריקן די פיין אין די נויט!

*

* *

עס ציהט נאָך די נאכט, איר פערהיילענעם גאנג
די וויסטקייט, וי זינגט נאָך איר טייטן געזאנג
נימא נאך פונ מזרח קיין איינציגער וואונק —
נור אָט האט געוויזן זיך ווייט ווייט אָפונק!
וויער צינט עס אין מדבר א פייער אָן הויך?
אַ פייער וואס פלאקערט, און ברענט אָן ארויך
א פייער וואָס ווינקט און וואס ברענט אן א גוף —
און ער האט דערפילט אין זיין הארצן ארוף!
און ער האט געשווארן ביי מדבר און נאכט:
„איך האב פון מיין שבר'ע תאוה ערוואכט!
„איך וועל צו די ברידער=קנעכט גיין אין דעם לאנד
„און רופן צום אויפשטאנד פון קנעכטשאפט און שאנד!"
און איידער די זון מיט איר לויטערן פלאם
האט נאך ניט פארטריבן די נעכט צו דעם ים
איז ער שוין אוועק צו די ברידער אין פּיין
געבראכט זיי אפונק פון דעם הימלישן שיין! . . .

ב.

ביי דער ארבייט.

פייער גיסט די היסע זון אין לאנד פון קראקאדילן
און עס קאכט די ארבייט דארטן, ארבייט אן א ווילן.

מוט און גייסט שוין לאנג געשטארבן—הונגער נור און קייטן
זיי נור טרייבן ביי דער ארבייט—קברים לאנגע בייטן.
רייסן צייטענווייז זיך קרעכצן, שטימע און פארשטיקטע
ברעכט אמאל ארוים אקללה דורך די ציין פארדריקטע—
ווערט עס אין דער לופט פערלארן, און דער לופט פון שאפן
פייפן האסטיגער די בייטשן, שניידן מער די שקלאפן . .
גיסן קראקאדילן־אויגן קאלטע וואסער־טרערן
קוקן ביז מיט גיהנום צארן, און די שרעק פערמערן
שטעהן אפן תהומות מיילער גאר די מיה דערשלינגן
שליסן זיך אין קייט פון עלענד נייע שווערע רינגן
און ניט ואס איז דער באדריקער, זיין פארלאנג ניט שטילער
בויט מען טורעמס ביז צום הימל אף די וואלקנס וויל ער
און פון דארטן שטריינג באפעלן מיט די קנעכט זיך שטיפן
פאלן בייער פון די שפיצן אין דעם אבגרונד טיפן
גראבט מען אונטער טיפע טייכן און מען ציהט קאנאלן
און די קנעכט אין זומפ אין הונגער, זינקען טיפער, פאלן
גראבט מען גאנצע בערג מיט אוצרות גאלד און גלאנצן שטיינער
שפארט שוין אן דעם וואלקן, בערגער פגרים מענשן ביינער
לעבערן זיי טיף דעם ערד־בויך, גראבן די געדערים
קריהן אין די שווארצע היילן, פייזן ווי די ווערים
וויסן טאטעס ניט פון קינדער, פרויען פון די מאנען
וויסן זיי ניט אז אין הימל איז אזן פאראנען
איז אין הארץ שוין טויט דער בייגקן,וויס מען ניט פון פארבן
גליק צו ארבייט ניר געבוירן און דורך ארבייט שטארבן! . . .

ניר אט האט זיך דערהערט דער ווארט
דער ווארט פון אויסלייזונג און טרייסט:
שטייט אויף איר קנעכט, איר ווערט באפרייט

איר װערט באַפרײַט און אױסגעלײזט!
איר װערט באַפרײַט—דער הערשער שלאָפֿט
ער איז פֿאַרשכירט און פֿאַרשלאָפֿט
פֿערשכורט פֿון די אײגן שלעכטס
און בײַ זײַן אײגן שאַנד פֿאַרשקלאַפֿט!
דער הערשער שלאָפֿט ער איז צופֿוילט
גראַניט, און סטאָל איז אײַער האַנט
פֿון אײַער הױך צופֿאַלט די קײט
פֿון אײַער װאָרט—די שקלאָפֿן װאַנט!
שטײט אױף און קומט איך װײס אַלאַנד
אַלאַנד פֿון פֿרײַהײט און פֿון רעכט
װאו יעדער שאַפֿט אַלײן פֿיר זיך
אַלאַנד אן הערשער און אָן קנעכט.
נאָך שװער און לאַנג איז אײַער װעג
דורך מדבר=זאַמד און רײטן ים—
נור זיבער גײט געשטאַרקט מיט מוטה
פֿאָראױס אײַך שײַנט אַ הימל=פֿלאַם.

ג.

דער אױפֿשטאַנד.

געלעגן אין שלאָף איז די לאַנד פֿון דעם נילוס
געװיקלט זיך װײך אין דער הילע פֿון נאַכט
און װער ס'האָט פֿון אײַביגע הערשאַפֿט געחלומט

אוּן װער פוּן אַשטיקעלע ברױט נאָר געטראַכט!
אין נילוס געװאָרפן האָבן די קראָקאָדילן
אוּן זאַט מיט קרבנות פוּן נעכטן געדוהט
געשטילט איז די ברױזענדע אַרבײַט בײַן בױען
געשלאָפן די פּײַן איז, געװאָרן האָט די רוט.
נור עפּעס איז דאָרטן ניט רוהיג אין גושן—
װער װאַכט עס בײַ נאַכט. און װער שטערט עס די רוה?—
פוּן הײַזל צוּ הײַזל פוּן טיִער צוּ טיִער
אַמחנה װערט גרעסער, קוּמט נעהענטער צוּ!
אוּן פּלוּצלוּנג פאַרכאַפּט איז די שטאָט פוּן די הערשער
עס קײַקלט דער אוּפשטאַנד פוּן גאַס זיך צוּ גאַס
אַזױ װי פוּן אָבגרוּנד האָט ברײַט זיך צוגאָסן
די קװעלן פוּן אײביגן צאָרן אוּן האַס
אוּן פּאַלאַץ נאָך פּאַלאַץ, אוּן טוּרעם נאָך טוּרעם
אוּן שטײנערנע געטער צושמעטערט אַף שטױב
װער האָט זײ די גײַסטער פוּן שטערוּנג ערהױבן
צוּ װעלן זײ זעטיקן זיך מיטן רױב?
אוּן רױט איז דער הימל, עס פײַערט דער צאָרן
אוּן װיקלט די הײַזער, אוּן פעלדער אין גלוּט
עס פליגלט אין לופטן די בײזע נקמה
אוּן רױט איז די ערד פוּן פאַרגאָסענע בלוּט!
עס רײַסט צוּ די הערשער זיך אין די פּאַלאַצן
פוּן יעטװידער פענסטער די אימה אַרײַן
עס בלאָנזען אין גאַסן אוּם נאַקעטע שרעקן
דער טױט שװעבט אוּן רײַסט זיך דוּרך פלאַמענדן שײַן

אונ שאַפונג פון הונדערטער דורות צושמעטערט
אומזיסט איר געבויט און פערדאָרבן אומזיסט
וואָס וויל עס דער אופשטאַנד, זיין בלינדע צושטערונג
צי וויל ער ניר מאַכן דאָס לעבן צו וויסט?—
ער רופט צו באַפרײַאונג, צו הימלען צו נײַע
ער רופט צו באַנײַען די מענשליכע וועל
צו בויאונג דורך שטערונג, פון וויסטקייט צו שאַפן
צו לעבן אָן ריטער אָן פײַן און אָן קוועל
און איבער די קעפ פון דער ברויזענדער מוזנה
ער הויבט זיך אַליכט פלאַם וואָס ווײַזט זיי דעם וועג
אַהין צו דעם מדבר, צום ים צו דעם רײַטן
דורך אים וועט איר קומען צום רוהיגן ברעג! . . .

ד.

אין מדבר.

עס גליהען פארשמאַכטע די זאַמדן אין מדבר
די מענשן פערוועלקטע ווי גרעזעלאַך ליגן
דער הימל איז קופער, די ערד האַרט פערשטײנערט
און וואַסער אַטראָפּן ניטאָ וואו צו קריגן
און וואַסער אַטראָפּן, און ברויט צו ערנעהרן
פאַרזייט איז דער מדבר מיט שוואַכע און מיטע
און וואו איז דער פירער, און וואו איז דער ווײַזער
און וואו איז די לאַנד שיין, די פרײַע, די ברייטע?—

דער פירער ער שרײַבט דאָרט אַ תּורה אַ נײַע
אַראָפּ פון דעם באַרג צו די מענשין דאַרלאַנגען
און אונטן בײַן עגל, בײַן גאָלדענעם עגל
אַשדים-טאַנץ גייט דאָרט פון בייזע פאַרלאַנגען
מיר דאַרפן קײַן פרײַהײַט, פאַרשמיט אונז אין קייטן
נור ברויט גיט צו עסן, נור וואַסער צו טרינקען
דערמאָנט זיך די פישן, די טעפּ פולע פלײַשן
צוריק אין מצרים, אין קנעכטשאַפט האָמיט זינקען!
נור הויך האָט געדונערט די שטימע פון פירער
ניטאָ שוין קײַן וועג פיר אײַך: קנעכט צו דעם אַלטן
פערשלאָסן דער מדבר, איר ווערט דאָ געלײַטערט
ער חעט אײַך, די קנעכט, דאָ אַף אייביג פאַרהאַלטן!
איר ווערט דאָ געלײַטערט, פיר יונגע און פרײַע
פיר זיי נור אַליין איז מײַן תּורה געגעבן
פיר די נור וואָס האָבן קײַן קנעכשאַפט געזעהן
גייט יונגע פאָראויס מיט מײַן תּורה צו לעבן!

* * *

דאַן האָבן די מוטיגע יונגע לייט
נאָך פעסטער געגירט צו די לענדן די שפּיזן
געשטויסן די שוואַכע פאָראויס אין דעם מדבר
אַהין צו באַזינגן די לאַנד פון די ריזן! . . .

הארקאָוו 1918

שטורעם־טרוימען.

(לידער)

*   *

*

אוּן איך זעה ווי דער הימל פַארגיסט זיך מיט בלוט
דאָרט שלאָגן זיך וועלטיגע ריזן
אַלץ גרויזאַמער, ווילדער ווערט יעדער מינוט
אַלץ שאַרפער און שאַרפער די שפּיזן
אַמאַכט שלאָגט אַמאַכט און אַשווערד ברעכט אַשווערד
דער שלאַכט האָט דער הימל פאַרנומען
און סגיסט זיך אַראָפּ אַ ים בלוט אַף דער ערד—
און ס׳וואַקסן אויס שמייכלענדע בלומען. . .

1905

דער וואולקאן.

פאַרזונקען אין אייביגן אייז־קאַלטן שלאָף
פון טויזענדער דורות און יאָרן
איז איינזאַם געשטאַנען דער ריזיגער באַרג
אָן לעבן, אָן מוט, און געפראָרן.

אים האָט ניט געוואַרעמט די ליבליכע זון
קיין שטראַל איז צו אים ניט דערגאַנגען
דער פינסטערער נעבל, דער פייכטער אַרום
האָט פעסט אים געהאַלטן געפאַנגען.

געדריקט האָט אים אייבן דער שניי אַפן קאָפּ
געוואָרגן זיין אָטעם אין האַרצן
און אונטן קיין גרעזל, קיין ליבליכע בלום,
אַלץ וויסט און פאַרוויקלט אין שוואַרצן.

אזוי איז געשטאַנען פון אייביג, דער באַרג
אָן ווילן, געפיל און אָן צאָרן
מיט מעכטיגע אָרעמס פערשפּרייטע נאָר טויט
אין מיטן באַוועגונג—פאַרפראָרן . . .

נור אָט האָט ערוועקט זיך אין אים עפּעס וואָס
און ער האָט געגעבן אַ ציטער
דערהערט האָט זיך פּלוצלינג אַשרעקליכער קראַך

געברויזט האָט אַ ווילדעס געוויטער

דער אייביג פאַרגליווערטער אָטעם אין ברוסט
וואָס האָט זיך צום הימל געריסן,
האָט פלוצלונג גענומען פון שטיינערנעם שטייג
מיט גרויזאַמע פייערן פליסן

און דונערן האָט עס גענומען, אַשרעק!
און טרייסלען די ערד און דעם הימל—
עס דוכט זיך, ער רופט צו נקמה דער וועלט
פאַרן אייביגן טויטליכן דרימל.

און אַלעם אַרום איז געוואָרן פאַרפּלייצט
מיט בלוטיגע פלאַמען פון צאָרן
און באַלד איז פאַרשוואונדן דאָס אייז און די קעלט
און ליכטיג אַרום איז געוואָרן.

און ס'האָט זיך דערוועקט אַרום קרעפטן אַקוואַל
און וואַקסן און בליהען גענומען
באַהלייט האָט דאָס פעלד זיך אַרום מיט אַוואַלד
מיט גראָזן און ליכטיגע בלומען. . .

1905.

דער שטורם.

איך פיהל שוין דעם שטורם, איך פיהל שוין זיין אָטעם
איך זע שוין ער קומט אָן מיט יעדער מינוט
איך זע שוין זיין צאָרן, זיין גרויזאַמע הערשאַפט
זיין ווילדן געדודער, זיין מאַכט און זיין מוט!

*　*
*

עס האָט זיך פאַרצויגן דער הימל מיט וואָלקנס
און ס'האָט זיך פאַרברייטערט די פינסטערע מאַכט
און לעבן און ליכט איז געוואָרן פאַרשוואונדן
באַהערשט איבעראַל האָט די פינפטערע נאַכט.
עס זיינען פון פינסטערן אָפּגרונד די וואָלקנס
ווי ריזיגע רופן אַרוים מיט אַקראַפט
און האָבן באַדריקט ווי מיט אייזערנע אָרמס
די ערד און דעם הימל און אַלעם פערשקלאַפט.
און אַלעם אַרום איז געוואָרן דערוואָרגן,
קיין פרייע באַוועגונג פון בלאַט אַפן בוים,
און שרעקליך, און גרויזאַם מיט פינסטערע אייגן
דאָרט קוקן די וואָלקענס פון הימלשן רוים.
אָט האָבן געעפנט זיך תהומישע מיילער
און דוכט זיך זיי ווילן דערשלינגען די וועלט.—

אָט רײַסט זיך אַ וואָלקן אַבײַזער אַריקער
און פליט צו דער עֵרד שײַן דער גרויזאַמער העלד. . .
און ווינטן ווי ש־ים מיט מעכטיגֶע פליגלעַן
פון טויזענדער געֶגעֶנדן פליען אין שטראָם
עס דובט זיך זיי נעמען די ערד און צושרײַסלעָן
פאַרשלײַדערן ווײַט אין אַנאַמבּיגן תהום
עֶס הויפּן זיך בערגעֶר וואָלקנס איף וואָלקנס
און שפּרינגען און טאַנצן משוגעֶ און ווילד
און קומט אָן אַטורם, אַשוואַרצער מיט שפּיצן
און ווערט באַלד צוקלאַפּט אין אַשרעקליכעֶ בילד.
און סקראַבן די דונערן, ס'פלאַמען די בליצן
עֶס גיבן זיך קולות און פײַער אים
אָט, דובט זיך, די פינסטערנעש שלינגט שוין אײַן אַלעֶס
און פּלוצלונג צורײַסט זך אַ העלישער פלאַם!
און פלוצלונג אַפײַער אַשרעֶקליכער פײַער
פאַרפלײַצט האָט דעֶם הימל אַרום און אַרום
צי ווערט שײַן די ערד ניט פאַרברענט גאָר אין גאַנצן?—
עס האָט זיך באַוויזן די ליכטיגע זון ! . .

1905

דער וואלד.

האט אבליין זיך אפגעריסן
און אַן וואלד זיך אָנגעשטויסן
ויינען פלאמען שנעל געפלויגן
ווי פון גיהנים שטראם דעם הייסן.
האבן קנוילן רויך און פלאמען
זיך צעטראגן ווייט און ווייטער,
וואו א טרוקן דארן—שלינגט ער,
וואו א צווייגל—ניט פארמיט ער.
האבן פייערדיגע שטראמען
אומגעדרייט זיך ווי די שלאנגען,
זיך געריסן דורך די צווייגן
און דעם וואלד מיט רויך פארהאנגען.
האבן ביימער זיך געצאפלט
און געקארצעט שווער די גלידער,
רומף געקרעבצעט, נור דער שטורם
לאזט ניט אפּ און ווערט ניט מידער!
און געשטורעמט האבן פלאמען
און געטרייסל אין דעם ברען אים.
ווי עס וואלט פון אבגרונד גיסן
גאט אף אים דעם גאנצן גיהנים,
און פון איין עק ביזן צווייטן
האבן זיך געטראגן וויען,
ביימער, גראזן, פייגלען, חיות
זיך אין שווארצע פלאמען דרייען

לויפן וואנזיניג אין מהומה,
זיבן ערטער זיך באהאלטן
און די פלאמען יאגן, יאגן
לעקן אויס די גריבער, שפאלטן,
און מיט שדישן נצחון
קנאקן לוסטיג אין דער לופטן
ווילד געשרייען, פלאם־געלעכטער
אויסגעמישט, דער רייך מיט דופטן . . .

* *

*

הורבגעגאנגן איז דער שטורם,
אויסגעלאשן זיך די פלאמען.
ערגעץ רייכערט זיך אַ דארן
מיט א לייב פארברענט צוזאמען . .
און פארשוואונדן איז די כמארעס,
פריי באוועגט דער וואלד זיין אטעם,
איז פארבליבן וואו א בוימל
שפייזט מיט זאפט די ערד צו זאט אים.
זיינען פייגלען אנגעפלויגן
אין דעם וואלד דעם אלטן־יונגן
אים באגריסט מיט זון און שטראלן
און מיט שירה אים פערטרונקען . . .

דער חורבן.

האט אמאל אבייזער חלום
אין אשווארצער נאכט
אויפגעברויזט דעם טיפן אָבגרינד
אויפגעוועקט זיין מאכט.
איז ער צארענדיג געווארן
אף דער גאנצער וועלט, —
ווער האט זיין פליסענד כח
מיט די בערג פארשטעלט ? —
ווער האט עס אף אים פארצויגן
הויך א וואלקן טיך ? —
האט געשטורעמט בייז זיין צארן
און זיין קראפט־אויסברוך !
האט ער פעלזן אויסגעריסן
און מיט בערג געשפילט,
זיך געווארפן ביז צום הימל —
און זיך ניט געשטילט !
האט די זון זיך אויך באהאלטן
מיט דעם הימל־בלאה,
האט געהערט דער ים אין גאנצן
דורך־אויס שווארצליך גראה.
און פארהילכט א בייזער ברומען
האט דעם גאנצן רוים,

אנגעפילט די גאנצע לופט האט
ברוזיג וועלן־שוים

*   *

*

הוליעט פריי דער בייזער שטורם
איבער טויזענד מיילן —
טרעפט ער אן די שטאטיש ברעגן
ברעכט ער זיינע זיילן . . .
טראגט אַראפ די גאסן, בריקן,
הייליקייט פארשוועכט ער
שטעהט אין לופטן הויך זיין ווילדער
תהומישער געלעכטער.
נארט די מענשן אין דער הויך
א זייל וואו אגעזונטער—
ווארפן שטארקע אום די שוואכע
פון דעם דאך ארונטער. . .
ברענען זיך פאנאנדער אויגן,
פנימער צופלאמטע
יאמערט אין דער לופט אקללה
און מיט גיפט פארסמ׳טע
שטייסן איינער בייז דעם צווייטן.
יאגן זיך און לויפן
הויבן זיך אין וואסער קעסל,
דרייען זיך אין רייפן.
בעט מען צו די שטיינער־געטער
הילכן די געשרייען,

און די וואסער וועלן טראגן
שטורעמען און דרייען. . .
און דערשלינגען גאס נאך גאסן
און דער טיף באהאלטן
פלוצלונג ווארפן זיי פון אייבן
נאקעטע געשטאלטן,
ווילד פארקרימטע און געפלאכטן
הענט און פיס צוזאמען
און די ים-חיות דערשלינגען
קינדער מיט דער מאמען. . .
און עס עפענען זיך מיילער
פון דעם אבגרונט טיפן.
באלד וואקסט אויס אבארג אהויבער
פון דעם באָס שטיפן.
און עס דוכט זיך ערד און הימל
איז שוין לאנג פארשוואונדן—
פרייע הוליען נור די וועלן
דרייען זיך און רונדן. . .

1917

לעבענס־געזאנגען.

פאַרנאַכט

שטאַרק, מיט שטאָלץ, מיט קראַפֿט פֿון ריזן
געהט די זון צו מערב ווייט
קלאָרע שטראַלן, שאַרפֿע שפּיזן
וואַרפֿט זי אַפֿן הימל ווייט . .

און די וואָלקענס באַלד אַנטלויפֿן
מאַכן פֿריי פֿיר איר דעם וועג
רויטע, פֿייערדיגע רייפֿן
שליפֿן פֿעסט דעם הימל ברעג.

און מיט עהרע דורך גענומען
שטעהט דאַן אַלעם רוהיג שטיל,
אַלעס בוקט זיך: ביימער בלומען
מיט אַ הייליגן געפֿיהל.

און איך פֿיהל אַז קראַפֿט אַקוועלע
שלאָגט אויך שטארק ביי מיר אין ברוסט
גרויס און מעכטיג ווערט מיין זעלע
פֿול מיט וויקן, ריזן־לוסט

און מיר דוכט אַז אַלע שימלען
און די ערד איז קליין אַזוי —
גיט מיר ברייטע קלאָרע הימלען
באָדן וועל איך מיך אין זיי !

1904

ווייסט איר ווען.

ווייסט איר ווען ? . . .
ווייסט איר ווען מיין שמייכלען בלומען
ויען מיר סודעט שטיל דער טייך ? —
ווייסט איר ווען דער הויכער הימל
קוקט צו מיר אין פארבן רייך ? —
ווייסט איר ווען דער שטילער אווענד
וועהט אין זעלע מיר זיין גייסט ? —
און די ענדלאז קלארע ווייטקייט
ווען איר הערליכקייט מיר ווייזט ? —

מארגענס, שטיל, עס שלאפט די וועלט נאך
שטערן שווימען זיך פארטראכט
זון האט נאך מיט פייער בליקן
ניט געשטערט דער שווארצער נאכט
און עס הלומט נאך דער הימל
וואלד און פעלד, פערזהילט אין סוד —
דאן, מיין ארבייטער וואגאן שוין
טראגט מיך שנעל צום ארבייטס ראד.
שטיל ארום, עס שוועבט געהיימליך
לייבט די נאכט צום האריזאנט —
נור די רעדער קלאפן, איילן
שנעלער, דען די ארבייט מאנט! . . .

*

*   *

אין פאבריק שוין קלאפט דער האמער

און עס שטיקט דער רויך און שטויב
שוויים און בלוט שיין ווערט פאַרדארבן
פון מאשינען בייזן רייב
און עס ציהען זיך די שעהן
שווערער ווערט מיין מידע האנט
ס'שטיקט אין ברוסט דער שווערער אטעם
שווארץ די אייג פון פייער=בראנד.

* *

*

הויך אין שיין די זון אין הימל
און עס לייכט ארום די וועלט
גרינע שמייכלען בלויע בלומען
און פאר שמחה שיינט די פעלד
נור מיין פענסטער איז פארצויגן
מיט אשווארצן דיקן רויך
וואו=ניט=וואו אַפאַסיק הימל
גנב'ט דורך זיך קריינקליך, בלייך,
און ווען רייט ווילד ווערט, מיין פענסטער
איז עס ניט קיין אויענד=פלאם —
פון דעם הארן איסנעריסן
האט זיך בייז אַפייער=ים ! . . .
לאנגזאַם ציהען זיך די שעהן
ציהען אויס מיין לעבענס=סאַק
ביז עס שלאָגט די לעצטע שעה

און עס קלינגט דער אָװענד־גלאָק.

* *

*

מיר צובראָכן פון דער אַרבײַט
אײַל איך שנעל אַהײם צוריק
לאַנג פאַרשװאונדן איז דער אָװענד
פון דער זון—דער לעצטער בליק
און איך װײס אז הױך אין הימל
איז אַװעלטיג שטױס געװען
דאָרטן שטרײטן ליכט און שאָטן —
נאָר מײן אױג האָט ניט געזעהן!

* *

*

נור געטרײַ איז מיר מײן חלום
אף מײַן אָרים האַרטער בעט
קוקט ער, צערטליך און ער גלעט.
און ער שפרײט מיר ברײט פאַנאַנדער
הימלען טיפע הימלען קלאָ־
זאַנגען קושן זיך מיט שטראַלן
פײגלך זינגען זיס אין באָר.
און עס סירן שטיל די װעלין
און עס בוקט זיך מיר דער בױם —
װײסט איר װען איך זעה גאָטס שײנקײַט? —
אף מײַן בעט אין שטילן טרױם! . . .

* *

*

ביי נאכט האָט מיין הארץ זיך געקלאגט.

ביי נאכט האָט מײַן האַרץ זיך געקלאָגט אַפן לעבן:
עֶר האט אין זײַן נעץ מיך אָן מיטלײַד געפאַנגען
עֶר רײַצט מײַן נשמה מיט טויזנר פארלאַנגן
און האָט מיר קײַן אײנעֶ פון זיי ניט געגעבן!
איך וויל זיך באַפרייען! פאַרברעכעריש נארן
די רײַצענדע לוסטן מײַן האַרץ דער פאר קלעמטער
עֶר לאכט פון מיר שפאטיש--איך בלײַב א פארשעמטער
און שרעקט מיר מיט טויזענדער וויסטע געפארן!
איך גלויב מיט דעם לעבן! — נור אָט האָט אין גלאנצן
פרי-מאָרגן דעֶר הימל צו מיר זיך באוויזן,
און פיל איז מיין האַרץ שיין מיט ווילן פון ריזן —
עס האָט מיר דאָס לעבן, באַצאָלט שיין אין גאַנצן! . . .

1916

אין הערבסט.

א.

קום מיין פריינד, מיט מיר און זע
ווי ס׳גוססט, שטיל און ס׳שטארבט דער זומער
ווי שנעל עס גנב׳עט זיך דער טויט —
און ס׳וועט באהערשן דיך אקומער! . .
די זעסט, אַט שטעהט דער ביים נאך גרין —
נאר ס׳פאלן איינציגוויים די בלעטער
און טראפנס סם, און טראפנס גיפט
גיסט אים אריין דער קאלטער וועטער.
און דארט די זון איז וויים און קליין
און פילסט זיך יתום׳דיג פארטריבן
און זעסט עס שטארבט דער לעצטער פונק
וואס איז אין קרעפטן נאך פארבליבן . . .
און זעסט, עס שטארבט אָפּ אַלץ ארום
עס שטארבט וואס דיר איז ליב און טייער
און ווילסט דער ווארימען די וועלט
פון דיין נשמה מיט דעם פייער! . . .

1904

ב.

האט אמאל אין הימל־מדבר
גרויס געלעבט א ליכטיג שטערן
איינזאם אין דער שווארצער פוסטקייט
פול מוט ליכטיגע באגערן
אין געשטורעמט אין זיין הארצן
האט- אפלאמענדיגער שטרעבן
האט באלוכטן ער דעם אָפּגרונד
מיט די שיינען פון זיין לעבן !
און פארזייט האט ער די שיינען
אף די שווארצע טויזענד וועלטן
וועלכע האבן וויסט געבלאנזעט
אין די אייביג הימל־קעלטן . . .
האבן . זיי אוועק געטראגן
אין די וייטסטע וועלט־אָפּגרונטן
פרעמדע שיינען פון אשטערן
וועלכער איז שוין לאנג פארשוואונדן . . .
און פארשוואונדן איז דער שטערן
און אין הימל־תהום צעפאלן
נאר אף יענע שווארצע וועלטן
בלאנזען אים נאך זיינע שטראלן! . . .

1918

ביי מיין טויטן בעט.

ביי מיין טויטן בעט
זאָל זיצן שטיל אַ פרוי
מיט לאָקן וועלן־שוים
און אייגן הימל־טיף.
און ציען זאָל זי שטיל
פון דער גיטאַרע־חאַרץ
אַ ווייכן טענער זייד
געוועבט מיט לעבנס־טרוים. . .
און זיין זאָל דאַן, פאַרנאַכט
דער הימל בלאַסליך־ראָז
פאַרגעהן זאָל שטיל און צאַרט
דער לעצטער אָוונד־בליק.
און שאָטענס רוהיגע
פאַרטראַכטע־טרוימישע
באַשפינען זאָלן לייכט
די ווענט וואָס פאר מיין בעט
און צו דעם מערב־פונק
זאָלן ציען זיך געהיים
דער ווייך גיטאַרע קלאַנג
וואָס ציטערט ווייט פאַרטראַכט . .
און מיט דעם לעצטן בליק
פון שטאַרבענדן פאַרנאַכט
און מיט דעם לעצטן טאָן
פארשווינדן זאָל מיין זעל! . .

1914

נאכט.

אַיין וואָלקן פארשווינדעט
אַ צווייטער קומט אָן
עֶס טונקט זיך אין שאָטענס
אין שטילע די נאכט
אָיוענט פליט דורך האסטיג
און זאָגט עפּעס אָן
די בײַמער פאַרנײַגן זיך
טיף=טיף פאַרטראַכט
דער יואַלד שלינגט די שאָטנס
און וואַרפט זײַ אָפּ שטום
ער רעדט צו דער פינסטערניש
סודות געהײַם
אַ אייביגער יועלט וואונדער
טראגט זיך אַרום
עס שוועבט אַמחשבה
וואָס שאַפט וואָס אין רוים . . .
אָט קומט פון דעם וואָלקן
אַשוואַרץ-שטומער בליק
ס'איז עפּעס געשעהן
וואָס ציט און וואָס שרעקט
אין פּלוצלונג באַווײַזט זיך
און בלויליכן רונד
אַהאַלבע לבנה
מיט וואָלקנס באַדעקט . . .

1908

אדם און חוה.

I.

אײנגע האַלטן האָט איר אָטעם
די פֿאַרטראַכטע נאַכט
און דעם ערשטן בליק פֿון חוה׳ן
און איר האַרץ פֿאַרמאַכט.
און אַשטערן האָט אין הימל
איבן גלײך ערבליקט
האָט אַבלום זיך אין איר חלום
מיט זײן ליכט געקװיקט.
און באַהױכט די בלום מיט ריחות
האָט דער זילבער=טױ
האָט דער טױ מיט דופט געװאַשן
פֿריש דער יונגער פֿרױ
און געפֿאַלן װײנען שטראַלן
אין איר אײג געטאַנצט
טױ און טרערן װי די שטערן
האָבן װײך געגלאַנצט. . .

II.

געבײנקט אַקװעלכל האָט אין באַרג
אַריבער איז זײן װאַל איצטער —
צו װעלכע ימים שטרעבט זײן שטראָם
צו װעלכע האָריזאָנטן ציט ער?
געבײנקט אין װעלט־רױם האָט אַשטראַל
פאַרבלאָנזעט פון אַװעלט אַשטילער—
אַף װעלכע װעט ער פאַלן בערג
אַף װעלכע הימלען רוהען װיל ער?
געבײנקט האָט ברענענד אָדם׳ס האַרץ
אין דער פינסטער װעלט דער ברײטער —
װאוהינזע ציט זײן װײטער בליק
װאוהינזע שטרעבט זײן גײסט צו שטרײטער?

III.

און גערעט האָט באַרג צו באַרג
הויבן האבן ווייט געוואונקען:
„מענשין גייען שטיל באַנאַנד
„מיט אַהימל־גליק באַטרונקען!"

און גערעט האָט באַרג צו באַרג:
„העל איז זייער בליק, פול פייער
„העכער פון אַפּעלזן־קאָפּ
„פון אַנ'אָדלער־פליה נאָך פרייער!"

און דערציילט האָט שטיל דער ווינט
לאנד און לענדער, ים דעם ברייטן;
„מענשן נייען ערגעץ צוויי" —
האָט איין וואַל געזאָגט דעם צווייטן.

1908

*) דער פעלז און דער וואל.

(נאך ביאליק'ן)

„די פעלז לאָז דעם וועג!" —
אזוי האָט געברוימט ביין ברעג ים
אמעכטיגער וואל הויך און שווארץ
מיט אַברויזענדן קאַם,
„די פעלז לאז דעם וועג!
„אין מיין הארץ אין דער קאלטער
„בייז שטורעמט דער צארן
„אין ים־שטאלץ דער אלטער!
„און ניט נאר מיין וויסליבער שוימען
„און שטורמישער ברומען —
„די בלוט פון בארויבטע
„זיי שטויסן און הייסן מיר קומען!
„די בלוט פון דערטרונקענע לעבענס
„און אייביג פארלארן
„זיי שרייען: „געקומען דיין צייט שוין
„דיין סאף איז געווארן!"
„און דאן ווען פאראומערט, פארקנעכטעט
„און שטאָלץ זיך ערנידעָרט
„האב איך דיר געלעגט דיינע זאמדן
„צו דיר זיך געברידערט

---

*) צום ציקל: שטורם פרויטען.

האסטי זיך געגרייסט
„ אין דו האסט נאך גערייצט זיך:
„ „ איך וועט ווי דער ריזיגער וואל,
„ „ ער פארקרימט זיך און דרייט זיך "
„ האב איך דאן באהאלטענער הייט
„ דיין פונדאמענט געוואשן
„ און האב שטיל דיין גרויסקייט געבראכן
„ פערניכטעט געלאסן
„ פארלייגט דיינע שפאלטן מיט ליים
„ און מיט זאמדן פארטראגן
„ אָט דארטן וואו איך האב אליין דיר געוואונדעט
„ און אומגליק אף דיר אָנגעטראגן
„ טו קוק איצט אראפ אין דעם אָפגרונד
„ און זעה דיין פונדאמעט פון אונטן
„ איך האב אים אף זעמדליך צושטייסן
„ פארשווינקט אין אפגרונטן!
„ דו פעלז לאָז דעם וועג!
„ בייג איין שנעל דיין קאפ, ווער פארשוואומען
„ איך בין שוין קיין קנעכט ניט —
פריז איז אף דיר אָנגעקומען!"

עס דרעמלט דער פעלז
אין די וואלקנס פארהילט
אזוי ווי אמת אין תכריכים
און איינזאם פארשטילט
און טיף אף זיין שטערן דעם שטארקן
אין פינסטערע שפאלטן

האָט בלאָס די לבנה געוואָרפן
איר ליכט-שײַן דעם קאַלטן
און ס'שוועבן חלומות אַרום
און נשמות פון אומעט
זײַן גײַסט ווי אַקאַרשון אַף פגרים
אין אָפּגרונט שוועבט אומעט
דער מעכטיקער ברויזן
דער פלײַצענדער שטראָם האָט געפּליסט
שוין טויזענדער מאָל עס געשטורמט דעם פּעלז
נאָר אומזיסט!
אויב האַסטיגער ברויזט אױף דער וואַל
אויב עס שטורעמט זײַן ברעכענדע וגאוה—
שטײט רוהיג דער פּעלז ניט געערירט איז
און רײַצענד זײַן שטײנערנע גאוה!
נאָר איצטער האָט ער זיך דערשראָקן!

— „וואָס שטורעמסטו, וואַל, ,וועמען שטײַסטו?
„ אַף וועמען גיסט אױס, דו דײַן צאָרן,
„ און אָפּטרעטן, זאָג וועמען הײסטו?
„ דען מיר פּעלז? וואָס שטענדיג
„ ראָסטו מיר פּאַרוויגט אין די טרוימען
„ און האסט מיט די קאַלטליכע שטראָמען
„ געלעקט מײַנע זאַמד בײַ די צוימען
„ יעצט ווילסטו פון וואָרצל מיר רײַסן
„ אין אָפּגרונד פאַרשטויסן—

„ איך האָב נאָך גענוג ריזיג-קרעפטן,
„ און שוויַיגן זועל איך דיר באַלד הייסן!״

— „ דו פעלז איך הייס ראַבע
„ פון אייביג פאַרגעסליכע יאָרן
„ בין איך אין אַבלוטיג-פערוויַיטיגטער פיַינדשאַפט
„ ערצויגן געוואָרן
„ פאַרצייַטן בין איך נאָר געוועזן
„ אַטראָפּנדל בלוט און אמרער
„ און איצטער, זעה, ציטער!
„ גרויס בין איך, מעכטיג און ברייט ווי דער מעער!
„ ערוועק זיך!
„ עס בלאָזט אַף דיר טויט. און פאַרווּסטונג אַליין פון די קוואַלן
„ וואָס דו האָסט פאַרסמ'ט זיי מיט פגרים
„ און ביינער וואָס זיַינען אין זיי אַן געפאַלן.
„ איך בין פון צוויי וועלטליכע כוחות געבאָרן
„ פון שטורעמדן ים און פון אייביגן צאָרן
„ אָט ברויזן אויף ביידע
„ די וועלן זעה שטייַגן —
„ טרעט אָפּ באַלד דעם וועג,
„ דען דער ים וויל ניט שוויַיגן,
„ דיַין אייביגער שונא
„ אָט שטעל איך זיך דיר באַלד אַנטקעגן
„ אריז גייט טויטן מיט שרעקן!

פאַרשטומט איז געוואָרן דער פעלז
האָט דערמאָלסט דער וואַל זיך צוביטערט
און האָט אים דעם גולם
דעם פוסטן צושמעטערט
צוברעקלט צומאָלן
אַף זאַמדן צוריבן
און האָט מיטן שטראָם
עס פאַרטריבן!
האָט דאַמאָלסט דער אָפּגרונד
געברוימט אויף זײַן רויב
פאַרשלאָסן זײַן מויל
און דערשלונגען ווי שטויב
און דאָרט וואו אַמאָל
האָט געגרויסט זיך דער פעלז און דער וועלט
שפּילט יעצט זיך אַוואַל אַפּן קבר
פון שטאָלץ- גרויסן העלד!

1917

ПОЛТАВА.

5-я Советская Типография.

1921 года.

Р. В. Ц. тираж 5000 экз.